

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך

**סאטמאר קינדערגארטן**

וויליאמסבורג



**פרשת ויקרא**

עש"ק ו' ניסן שנת תשפ"ה לפ"ק

**שנה י"ז - גליון 776**

זמנים: עש"ק 7:09 – מוצש"ק 8:38

## פסח מעשיות פארציילט לכבוד יו"ט

**קינדערגארטן – פרי קינדערגארטן**

**די וואך** האבן מיר זיך ווייטער שיין צוגעהערט צו די מעשיות וואס מען האט פארציילט לכבוד דעם הייליגן יום טוב פסח, אזוי שיין, סיי אין חדר, און סיי אין לאנטש רום.

**אין די כיתות** האבן אונזער'ע רבי'ס געהאלטן זייער געשפאנט מיט די פארציילונגען פון דעם יו"ט פסח. מיר האבן דאס זייער שיין מיטגעהאלטן.

**אויך אין לאנטש רום** האבן מיר זיך צוגעהערט זייער שיין און מיטגעהאלטן מיט אסאך אינטערסאנטקייט די דריטע מעשה - **די מעשה פון "דיינו"** ווי עס איז זייער שיין אראפגעלייגט געווארן, ווי אזוי דער שלעכטער באדינער דיינו וויל אז מען זאל דעם איד (ר' בערל) לייגן אין דזשעיל אבער צום סוף האבן אלע געזעהן אז דיינו אליינס איז געווען דער גנב וואס ער האט צוגענומען די קעניג'ס רינגל, אלע קינדער האבן אויסגעשריגן: **דיינו אין דזשעיל! דיינו אין דזשעיל!...** (אויך דער מיטוואך פלעי איז געווען פון די מעשה)

**די מעשה** איז אראפ געלייגט געווארן פאר די קינדער מיט אסאך אינטערסאנטקייטן **אדרבה!** הערט אויס פון די קינדער ווי זיי פארציילן דאס. אזוי ווי ס'איז נישט דא קיין בילדער ביכל פון די מעשה, וועט זיין א גוטע וועג ארויס צו באקומען די מעשה מיטן ווייזן פאר די קינדער די פלעי בילדער וועלן זיי דאס שיין איבער דערציילן.

## סדרה לימוד מעלדונג!

חשוב'ע עלטערן שיחיו

אזוי ווי אין די וואכן ביז פסח זענען די לימודים פון יו"ט די עיקר. די מלמדים שליט"א געבן זיך מער אפ צו צוגרייטן די קינדער'לעך אויף דעם קומענדיגן יום טוב פסח הבעל"ט, דערפאר זענען די לימודים פון די סדרה וויניגער. און מיר האבן דאס נישט אזויפיל מאל איבער געלערנט מיט די קינדער.

מיט שעצונג: המנהל

**נייעס ליין שער הנגינה**

**געוועגדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6 הערט און האט'ס הנאה**

## "בדיקת חמץ" חדר מעלדונג

**נוירסערי - קינדערגארטן - כיתה א'**

מיר וועלן בעז"ה צושטעלן א ספעציעלן חדר **אויף דאנערשטאג דעם טאג פון בדיקת חמץ.** עס וועט זיין א הערליכע פראגראם פאר די קינדער. **די קינדער וועלן אי"ה אהיים טראגן א ספעציעלע מודעה. ווי אזוי זיך איינצושרייבן צום ספעציעלן "בדיקת חמץ חדר".**

די קינדער וועלן שטארק הנאה האבן בעז"ה. מען וועט דארפן ברענגען די קינדער 10:30 און אויפפיקן 3:15 פונקטליך. **צוליב די רוהיגקייט און די אחריות פון די קינדער וועט נישט זיין קיין טראנספארטעישאן.**

די קינדער וועלן אי"ה האבן פיינע פרישטאג און מיטאג גאר געשמאק, אויך וועט זיין א הערליכע פארשטעלונג פאר די קינדער בעז"ה. **פרייז $20** עס וועט זיין **אונטער די פולע השגחה און אחריות פון די געוועגליכע מלמדים** לטובת די קינדער.

ספעציעל פאר די **נוירסערי כיתות** (די אינגערע קינדער) ווילן מיר מעלדן אז פאר אלע קלאסן וועלן זיין די געוועגליכע מלמדים מיט וועם די קינדער פארשטייען זיך זייער גוט. עס איז ספעציעל געאייגנט אז די אחריות מיט די אונטערהאלטונג איז אויסנאם גוט פאר די קינדער.

### ווינקל אינהאלט


- **פסח מעשיות פארציילט.**
- בדיקת חמץ חדר מעלדונג.
- **די מיטוואך שפיל פון די דיינו מעשה.**
- גראם און באגריפן פון די וואך.
- **מעלדונג סדר פון קומענדיגע וואך.**
- הגדות מיט פלייסיגקייט.
- **ערב פסח אין חדר "סי-די" צובאקומען.**
- חכמה'לעך פון קינדער.
- **ברוכים הבאים נייע קינדער.**
- מזל טוב וואונטשן.
- **ברוכים הבאים נייע קינדער.**


**נייעס ליין און שער הנגינה !**

**718-407-7460 # 1/5/6**

## אונזערע הענט'לעך שטארק פארנומען ביי די הגדות ארבייט, מיט א פלייסיגקייט

**די הגדות ביי די ארבייט** די שמחה איז שוין אריין מיט עקסטאז ב"ה אנפאנג וואך ווען די הערליכע שיינע הגדות ספעציעל געאייגענט פאר די קינדער איז אנגעקומען צו אונזערע תלמידים האבן זיך אלע קינדער זייער שטארק געפריידט. מיין רבי רופט אויס אז איידער מיר וועלן אנהייבן מיט די הגדות דארפן מיר מאכן **א וויש וואש!!** מיטן גאנצן חדר. געזאגט און געטון מ'ברענגט אריין שמאטעס מיט זייף און וואסער יעדער דריידט ארויף די ארבל און **וויש וואש.... אמחי'** איז דאס געווען די טישן, די בענק, די ווענט, מ'לאזט גארנישט אויס. מען רופט אויס לכבוד פסח. נאך אביסל וואסער נאך א שמאטע..

**ב"ה מ'הייבט אן מיט די הגדות**, אונזערע הגדות ווערן געמאכט אויף א קונצליכן אויפן צוזאמען די רבי'ס מיט די קינדער, די רבי הייסט יעדן טאג וועלכן בלעטל מישט מען היינט אויף מ'טיילט אויס פאר יעדן די ספעציעלע געשניטענע שיינע זאכן וואס מ'דארף אריין קלעבן יעדער קוקט וויאזוי די רבי טוט די סעמפל אזוי טוען מיר שיין ביי אונזער הגדה. ווען מ'טיילט אויס די הגדות לייגט מען אונטער א ספעציעלע בעג פאר א טישטעך אזוי ווערט דאס זייער אפגעהיטן פון חמץ. יעדן טאג ווערט די שמחה גרעסער מ'רוקט זיך ווייטער א בלעט'ל נאך א בלעט'ל.

**<u>אויפפאדערונג!</u>**

**מיר בעטן** זייער שטארק פון אלע עלטערן אז אין די טעג ביז פסח זאל מען שטארק אכט געבן אז די קינדער זאלן נישט מיטברענגען קיין שום עסנווארג. די קינדער האבן גענוג צו עסן אין חדר קיינער דארף גארנישט מיט ברענגען. אזוי וועט מען אי"ה קענען נוצן די הגדות מיט א רואיגקייט אויפן פסח'דיגן טיש.

## די מיטוואך פלעי אין לאנטש רום – דיינו איז דער גנב פון די רינגל

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כיתה פון **הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א** ווי זיי האבן אהער געשטעלט א פלעי אזוי הערליך און שיין אויף א מייסטערהאפטיגן וועג. **עס איז אויפגעשפילט געווארן די באקאנטע "דיינו" מעשה** וואס מ'פירט זיך צו פארציילן בעפאר פסח און ס'איז די וואך פארציילט געווארן פאר די קינדער אין חדר.

**מיר זעהן** ווי דער קעניג (**שלמה מאלח**) קומט אריין מיט זיינע צוויי באדינער (**יצחק סטראלאוויטש, אליעזר לעבאוויטש**) מיר הערן ווי דער קעניג זאגט אז ער האט ליב שיינע דזשולערי און ער וויל קויפן, מיר זעהן ווי א גאנצע טיש מיט סוחרים (**שמואל שלום מייער, מרדכי ראזענבערג**) וואס פארקויפן שיינע דזשולערי, אויך דער אידישער סוחר (**מאיר לייב פריעדמאן**) ר' בערל (רופן מיר אים) זיי ווייזן זייערע שיינע זאכן צום פארקויפן דער קעניג קומט און קויפט פון זיי נאר שיינע זאכן. מיר זעהן ווי זיי ברענגען שיינע קייטל'עך וואס דער קעניג האט זייער ליב, נאכדעם זעהן מיר ווי דער קעניג קויפט **א נייע שיינע "רינגל אלע באדינער** אלע קינדער האבן געזאגט **וואָו!!** ווייל דאס איז געווען זייער א שיינע רינגל, דער קעניג ווייזט דאס פאר יעדן איינעם.

**דער קעניג קומט** אהיים און רופט זיין חבר אן אנדערן קעניג (**מרדכי יודא לעפקאוויטש**) מיט זיין באדינער (**יצחק שווארטץ**) און ווייזט זיי די שיינע נייע דזשולערי.. א יעדער באוואונדערט דאס..

**מיר זעהן** ווי דער קעניג גייט שלאפן און פאקט אוועק אין די קלאזעט זיין שיינע נייע רינגל און דער באדינער גיט אכטונג דערויף, אבער ביינאכט שלאפט ער גוט. אויך די באדינער שלאפן גוט און דער גנב דיינו (**מנחם אהרן גאנדל**) קומט צו גיין שטילערהייט און גנב'עט דעם רינגל!! נאכדעם זעהן מיר ווי דער קעניג שטייט שוין אויף און הייבט אן שנעל זוכן דעם נייעם רינגל, ער זוכט ביים קלאזעט, ער ווערט זייער ברוגז, און הייבט אן שרייען און וויינען **ווי איז דער נייער רינגל??** דער קעניג רופט שנעל אלע פאליס (**מענדי גאלדבערגער, מנשה יוסף גראסבארד, שלמה לייב גרינפעלד, אהרן מיטעלמאן, יודא קאהן,יעקב זאב ראזענבערג**) מיר זעהן ס'קומען צו פליען די פאליס אלע קינדער העלפן צו מיט די אלארעם דער קעניג רופט זיי אלע צוזאמען ער פארציילט זיי אז **איינער האט געגנב'עט דעם קעניג'ס נייע רינגל..** דער קעניג הייסט אויסרופן און דער אויסרופער (מרדכי גראס) קומט צו גיין און רופט אויס הויעך: אז ווער ס'וועט העלפן זוכן דעם שיינעם רינגל באקומט אסאך געלט. יעדער הייבט אן זוכן דער קעניג הייסט יעדער נעמט זיך זוכן אין אלע זייטן זיי גייען ארום אינעם גאנצן לאנטש רום זיי בייגן זיך אונטער אלע טישן. די פאליס מיט א פלעש לייט זוכט איבעראל.

**דער איד** ר' בערל וועם דער קעניג האט זייער ליב קומט אויך זאגן פארן קעניג אז ער גייט זוכן דעם רינגל, דער קעניג גיבט איהם אסאך

### וויכטיגע מעלדונג

**אי"ה די קומענדיגע וואך מיטוואך י"א ניסן וועט זיין דער טאג ווען די קינדער וועלן אי"ה אהיים ברענגען דעם גאנצן פסח פעקל. אלע קינדער וועלן בעז"ה אהיים ברענגען זייער אייגענע הערליכע האנט געמאכטע הגדות מיט אלע שאלות מיט די מעשיות און ניגונים וענינים לכבוד יום טוב.**

### קינדערגארטן

**מיר ווערן באררייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערעהערט זייער שיין.**

**ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן**

- א קעניג איז זייער רייך. א קעניג גייט מיט דשולערי.
- דער באדייט פון א קרבן = ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען, און אויף דעם טאגווארטן מיר שוין אלע אידן אוי ווי שיין וועט זיין דעם יו"ט פסח אין ביהמ"ק מיטן קרבן פסח.

### גראם פון די וואך

<u>מעשה גראם פון דיינו:</u>

דער קעניג איז זייער רייך,<br>
און ער האט ליב א שיינע זאך.<br>
דער קעניג שרייט מיט זיין צינגל,<br>
ווי איז מיין נייע רינגל.<br>
איך האב די שענסטע רינגל פון די וועלט,<br>
ווייל איך האב אסאך געלט,<br>
און פאר יעדעם דאס געפעלט.

געלט, נאכדעם הערן מיר ווי דער באדינער דיינו קומט אויסזאגן פארן קעניג אז ר' בערל זוכט אפילו נישט דעם רינגל ער האט גענומען די געלט צו מאכן א שיינעם יו"ט פסח.

**און אויך** זאגט ער אז ר' בערל אליין האט צוגענומען דעם נייעם שיינעם רינגל, דער קעניג וויל נישט גלייבן ווייל ער האט זייער ליב ר' בערל. דער קעניג זאגט ער וועט שוין גיין צו ר' בערל אהיים...

**הערליך שיין** זעהן מיר ווי מ'גרייט צו א שיינע סדר טיש ביי ר' בערל אינדערהיים מיר זעהן דעם שיין געדעקטן טיש אין דער הייעך מיט די שיינע קאוטש בענקל, **(א ספעציעלן דאנק פאר ר' יוסף לייב סאנדער הי"ו א זיידע פון עטליכע אונזערע תלמידים פאר די שיינע קאוטש בעט)** עס איז צוגעגרייט די קערה, די מצות, די מרור, אלעס אלעס אזוי עכט.. די טאטע ר' בערל קומט אריין צום טיש מיט די קינדער (**לוי יצחק ברוינער-בחור, שמעון שפיצער-בחור, שלמה זופניק, נפתלי הערש שווארטץ, משה דוד קויפמאן, שמואלי פריליך מרדכי יודא לעפקאוויטש**) זיי זעצן זיך שיין ארום מיר זעהן ווי די טאטע גייט שוין מאכן קידוש.

**דער סדר טיש מיטן פולן פראכט** איין אינגל זאגט שיין **קדש,** דערנאך זאגן אלע קינדער צוזאמען עס הילעכט אפ מעכטיג אזא לעבעדיגן **קדש,** מיט **ורחץ** און אזוי ווייטער. און א אינגל זאגט **ורחץ** אזוי ווייטער **כרפס,** אלע קינדער זאגן שיין הויעך ס'איז געווען געוואלדיג!! **די טאטע נעמט דעם בעכער אין די האנט** אלע קינדער האבן דארט בעכער'ס, אזוי ווייטער **ורחץ** מ'ברענגט דעם שיינעם שיסל מיט א טעפל מיט א האנדטוך דערנאך **כרפס** דעם רעטאך, מיר קענען שוין קוים ווארטן צו קענען זעהן אונזער סדר טיש. די טאטע נעמט ארויס דעם **יחץ מצה** מיר זעהן אלע ווי

מ'צוטיילט דאס, מ'פרעגט וועלכע איז גרעסער? יעדער שרייט וואס איז גרעסער, מ'לייגט דאס אריין אין **די אפיקומן האלטער**. אזוי באהאלט מען גוט דעם אפיקומן. שפעטער זעהן מיר ווי איין אינגל קומט גנב'ענען דעם אפיקומן. און זיי וועלן זיכער בעטן א גוטע זאך פאר אפיקומן א אלף בינה.... אזוי ווייטער זעהן מיר די **מרור**, אלע קינדער קוקן אזוי שיין אריין אין די הגדה.

**פלוצלינג** זעהן מיר ווי דער קעניג מיט זיינע באדינער קומען אן צום סדר פון ר' בערל דער קעניג קוקט זיך צו, נאכדעם הערט דער קעניג ווי דער טאטע פרעגט עפעס און אלע קינדער ענטפערן זייער שיין **"דיינו - דיינו"** דער קעניג באגריסט ר' בערל זייער שיין א גוט יו"ט און גייט שוין אהיים.

**דער קעניג** קומט אן אהיים און זאגט פאר די באדינער שוין רוף די פאליס: יעצט ווייס איך שוין זייער גוט ווי איז מיין רינגל און ווער איז דער גנב **"דיינו"** איז דער גנב... און ר' בערל האט געהאלפן זוכן.

**דער קעניג** הייסט די פאליציי זיי זאלן שנעל פליען ברענגען דעם גנב דיינו. מיר זעהן די פאליס לויפן זייער שנעל אלע קינדער העלפן צו מיט די אלארעמ'ס געשריי, מען שטעלט אוועק דעם דיינו מען טאפט אים גוט אויס אויך טוט מען אויס זיין שיך און אט אט מ'טרעפט דעם הערליכן שיינעם נייעם רינגל.

אלע קינדער האבן אויסגעשריגען מיט א ברען **דיינו אין דזשעיל דיינו אין דזשעיל...** מיר זעהן ווי מען בינדט צו זיין הענט און ער גייט און דזשעיל און דער קעניג איז שוין פריליך. און מ'הייבט אן זינגען והיא שעמדה....

## מען הויבט אן ויקרא!

**יבואו טהורים ויעסקו בטהורים: זאלן קומען די ריינע (קינדער) און אנהייבן מיט די ריינע (קרבנות).**

**ווי באקאנט** איז דער מנהג ישראל אנצוהייבן מיט א קינד ווען ער הייבט אן צו לערנען חומש, דעם ערשטן פסוק פון די היינטיגע פרשה מיטן באקאנטן חומש ניגון אזוי הערליך און זיס. איז די וואך ביים לערנען די סדרה מיט די "**קינדערגארטן**" קינדער האט זיך אויך אזוי ארויס געהערט פון די כיתות ווי די מלמדים מיט די קינדער זינגען **דעם הייליגן פסוק חומש** ממש ווי אין א כיתה **ב'** אפילו די קליינע–גרויסע קינדער האבן פארשטאנען צו דעם זיסקייט פון לערנען חומש. במשך פון דעם שבת ביים איבער גיין די סדרה ביכלעך וועלן די עלטערן האבן די געלעגענהייט דאס צו קענען מיטהאלטן ווי אזוי די קינדער זאגן דאס אזוי זיס מיטן אמאליגן חן.

### דער צוגאנג אין בית המקדש פון ברענגען קרבנות ארום גערעדט מיט די קינדער

**נאך א שיינע ענין האט מען מיט אונז אויסגעשמועסט די וואך.**

אזוי ווי מיר לערנען אין די וואכן פון די קרבנות בכלל האבן מיר געהאט א גוטע געלעגענהייט צו הערן אלעס ארום די קרבנות ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען. ווען איינער האט געטון אן עבירה, און ווען איינער וויל ברענגען א קרבן צום ביהמ"ק ווי אזוי די לווים האבן שיין געזינגען ביי די מזבח.

יא מיר האפן שוין אז בקרוב וועלן מיר אלע האבן די זכי' אויף וואס גאנץ כלל ישראל ווארט און בעט צום אויבערשטן יעדן טאג און יעדע מינוט אז דעם קרבן פסח זאלן מיר נאך קענען מאכן דעם יאר אין בית המקדש...

### מעסעדזש פון מנהל!

**אזוי ווי** אין די טעג ווען עס ווערט אביסל ווארימער, ווילן מיר בעטן די עלטערן וואס פריער אראפנעמען די ווינטער'דיגע צוגעהערן: ווי די קאפלעך, (העט'ס) אזוי אויך די הענטשוך, מיט שאהל'ן, צו מאכן דעם קינד גרינגער זיין קומען און גיין, און אויך וועגן סכנה ווען די קינדער נעמען זיך ציען די בענדלעך קען ווערן א קניפ וד"ל. די זאכן מאכן שווער דאס גיין, פאר די קינדער.

**אזוי אויך** צוליב דעם וועטער טויש איז דא אסאך קינדער וואס טוישן פון ווינטער קויט'ס אויף א וועטער טעימע"ר (דינערע דזשעקעט) ווילן מיר דערמאנען זייער וויכטיג ארויף צו לייגן א לעיבל מיטן נאמען פון קינד. אין אז א יעדן טאג דארף א יעדעס קינד פון נוירסערי קינדערגארטן קומען אויפן באס מיט זיין **"באס פין"** אויף זיך, אויב דארף מען 2 פינ'ס זאל מען בעטן דורך רופן אויף 718-407-7460 עקסט: 2-1, און שיקט נאך מיטן קינד 2$. ווען א קינד קומט אין חדר אן זיין פין זענט איר זיך גורם אומזיסטע עגמת נפש ווייל עס איז זייער מעגליך אז אייער קינד זאל ארויף גיין אויף א צווייטן באס און קיינער קען אים נישט העלפן ווען ער האט נישט א פין, **ביטע נעמט דאס נישט פאר גרינג!**

## א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה

# די מעשה "דיינו" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (1)





די קינדער אויסגעשטעלט אויף א הערליכן פארנעם אז אלע קינדער זאלן קענען גוט גוט מיטהאלטן



דער קעניג באגריסט אלע קינדער



די קינדער באגריסן דעם קעניג



דער קעניג קומט קויפן שיינע דזשולערי



דער סוחר ווייזט



פארן קעניג א נייע קייטל



נאך און נאך דזשולערי



ר׳ בערל דער דזשולערי סוחר



דער קעניג זעהט די נייע רינגל





ר׳ בערל ווייזט פארן קעניג קייטלעך מיט א רינגל

# די מעשה ״דיינו״ אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (2)



דער קעניג ווייזט פאר א אנדערע קעניג זיינע שיינע דזשולערי



דער קעניג לייגט אוועק זיין רינגל אין קלאזעט



דיינו קומט גנב׳ענען



דער קעניג מיטן באדינער שלאפן פיין



דער קעניג זוכט זיין נייע רינגל



דער קעניג שרייט זייער ברוגז





דער קעניג הייסט די פאליס זאלן גיין גוט זוכן



מען זוכט איבעראל





די פאליס גייען פרעגן אלע קינדער ווער האט געזעהן דעם קעניג׳ס רינגל



דיינו קומט זאגן אז ר׳ בערל......

# די מעשה "דיינו" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (3)


דער הערליבער סדר טיש


קדש ...


מ׳גייט שוין מאכן קידוש


מ׳גיסט אן די בעבער׳ס פאר אלע קינדער


סברי מרנן


בורא פרי הגפן!!!


ורחץ.......


מ׳וואשט זיך די הענט און ....


דער סדר טיש גייט ווייטער


כרפס!!! ׳נעמט א שטיקעלע


און מ׳האט אינזין צו פטר׳ן .....


די טאטע טונקט איין אין זאלץ וואסער

# די מעשה "דיינו" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (4)




יחץ... מ'צוברעכט די מיטעלסטע מצה....



וועלבע איז גרעסער     די  די  די



לייגט מען אוועק פאר אפיקומן



די טאטע באהאלט דאס




טאטע לעבן איך וויל דיר 4 קשיות פרעגן!! ...



שבכל הלילות




איינער גנב'ט דעם אפיקומן



דער קעניג קומט צו גיין



דער קעניג הערט זיך צו

# די מעשה "דיינו" אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר (5)


דער קעניג הייסט דיינו זאל שוין קומען


די פאליסן גייען זייער שנעל


דער קעניג שרייט צו דיינו ווי איז מיין רינגל???


מען טאפט אויס דיינו


מען באקוקט זיין שיך


יא מיר האבן דעם רינגל


דער קעניג זייער פריילין


**וויש וואש מ'וואשט די טראקס**





**וויש וואש גאנצע חדר.....**





**ס'איז געווען אמחי'**

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים!

**א יו"ט'דיגע שטימונג** איז געווען אין חדר דעם פארגאנגענעם פרייטאג פ' פקודי החודש ווען מיר האבן אליינס מיטגעהאלטן גאר א שיינעם מעמד ווען אונזער חבר תלמידינו היקר **"משה טייטלבוים"** נ"י דער זון פון **הרה"ג ר' יקותיאל יודא שליט"א, אייניקל פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, א אור אייניקל פון הוד כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**. האט באקומען פיאות און איז געקומען צום חדר פירן, זאגן די א"ב, אנהייבן די תורה לעבן מיטן "תורה צוה לנו מורשה" כמנהגן של ישראל.

**צום באשטימטן צייט** קומען אלע קינדער אראפ טראץ עס איז א קורצער טאג ווען די קינדער עסן פרישטאג אין די כיתות האט מען זיך צוגעאיילט און אראפ געקומען נאכן עסן צום גרויסן עס זאל. א פרייליכע שטימונג הערשט אין גרויסן זאל ווען אלע כיתות פון קינדערגארטן זעצן זיך שיין ארום ביי די אויסגעשטעלטע פארענטשעס. נאר די קינדערגארטן כיתות. מיר זעהן אזוי שיין צוגעגרייט א ספעציעלן פלאץ ווי די גרויסע און חשובע זיידעס וועלן זיצן און מיטהאלטן דאס א"ב זאגן. און א ספעציעלע פלאץ איז צוגעגרייט ווי די ניורסערי כיתה פון **הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א מיט הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א** די חדר פונעם אפשערן אינגל דער בעל שמחה לערענט, זיי וועלן דארט שיין זיצן און מיטהאלטן, ווי **זייער חבר הילד "משה" נ"י** וועט זאגן די א"ב און לעקן די האניג.

**א שטילקייט פון דרך ארץ** האט געהערשט אין זאל ווען די בני המשפחה הרבנים הגאונים שליט"א זענען אריין געקומען מיר זעהן ווי מ'דעקט אויף אונזער חבר משה'לע פון דעם טלית, און מיר פרייען זיך צו זעהן משה'לע מיט די פיאות, און זיין קאפל מיט די הייליגע ציצית.

**די קינדער** האבן באגריסט מיט א כבוד התורה די חשובע גרויסע זיידעס **הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, הרה"ג ר' מנחם צבי כהנא שליט"א דומ"ץ קארלוסבורג** מיט די בני המשפחה. מיר האבן שיין געזינגען ניגונים לכבוד די שמחה, דערנאך ווערט שיין שטיל ר' סרוגא נעמט משה'לע און מיר זעהן און הערן ווי ער זאגט אזוי שיין די א"ב מיט נאך הייליגע פסוקים

ער קושט זיינע נייע הייליגע ציצית ווי דער מנהג איז. אלע קינדער האבן שיין פארגעזאגט די א"ב. אלע קינדער האבן שיין מיטגעזאגט מיט אים די ברכה אויף די ציצית און קריאת שמע. נאכן לעקן די האניג האט משה'לע אויסגעטיילט פעקלעך פאר זיינע חבירים, דערנאך האבן מיר זייער שיין געזינגען נאך ניגונים און אזוי ווי עס איז געווען ערב שבת קודש האט מען געזינגען עטליכע שבת ניגונים..

**די געהויבענע זיידעס** האבן געטרינקען און געווינטשן א לחיים פאר אלע קינדער. קורצע דברי ברכה איז געהערט געווארן פון **הגה"צ דער רב שליט"א** א ספעציעלע ווינטש פאר די מלמדים די כלי קודש וואס געבן זיך אפ אזוי שיין און ערליך, און פאר די צאן קדשים א ווארימע ברכה, צו אויס וואקסן ערליך מיט יר"ש, מיר אלע זאלן גיין אין די תורה'דיגע וועגן, אלע קינדער זאלן זיין געזונט, צו די נחת פון אונזערע עלטערן, און מיר זאלן שוין אין גיכן זוכה זיין גיין קעגן גואל צדק בב"א.

די מלמדים האבן באקומען א בעג מיט לאליס אויסצוטיילן פאר אלע קינדער איבערלאזענדיג א זיסן ווינטש פאר גאנץ **"סאטמאר קינדערגארטן"**

## חכמה'לעך!

**יודא ארי'** האט די וואך געזוכט אין שוהל די "רויטע קוה" ווייל ס'איז געווען שבת פרה...

**קלמי** האט פארציילט אז די וואך איז די אשר יצר פון רבי אלימלך..

**חיים** האט געפרעגט ווי אזוי ער קען פסח'דיג מאכן זיין ברויט...

**ברוך יודא** האט איין אינדערפרי געגעסן א יאגורט מיט א גאלדענע לעפל און ער האט דאס נאכדעם געוואלט טראגן אין חדר צו געבן א נדבה פאר די משכן..

ווען **נחמן'ס** טאטע האט שבת צופרי געמאכט קידוש אויף ברוינפין, האט יאנקי געזאגט אז עכט איז עס וואסער.. און נישט ברוינפין...

**יצחק** האט געזאגט אז די וואך דארף מען האבן צווי קוגלען אויף לכבוד שבת החודש.. זיין טאטע האט געזאגט אז מיר האבן נאר 1, האט ער געזאגט: עס איז גוט מ'קען דאס צושניידן און האבן צוויי..

**שלום** האט געזאגט ביי קרי"ש אלע קראנקע אידישע קינדערלעך זאלן קענען פרעגן די פיר קשיות...

**מנחם** חזר'ט די פסח סימנים זייער זיס און פלייסיג און זאגט: יחץ מען צוטיילט די מיטלסטע מצה ... און די "בעסערע" העלפט לייגט מען אוועק פאר די אפיקומן...

ווען מען האט פארציילט פאר **מענדי** די מעשה פון די ברוינפין ביין רבין רבי אלימלך האט ער אויפגעשפרינגען און געזאגט: מיין רבי מאלח (ר' אלימלך) פון מיין באס..

ווען מען האט געפרעגט **חזקי** פון די שאלות: ווען דארף מען שניידן די נעגל? האט ער געענטפערט: ווען ס'ווערט לאנג!!

**משי** קען זייער שיין די סימנים פון די סדר קדש ורחץ... ער זאגט כרפס מ'נעמט... און מ'האט אינזין צו פטר'ן כפרות...

ווען מען האט געפרעגט **אלימלך** וואס האבן די פאליס געטון (ביי די מעשה פון וואסער נישט בראנפין מיט די גרעניץ פאליס האבן געלאזט אריבער גיין) האט ער געזאגט אז זיי זענען ארויף אויפן סטעידזש...

ווען **שלמה**'לעס טאטע האט געזאגט איך האב נישט קיין געלט יעצט אויף מיר... רופט ער זיך אן: אזוי ווי מאשקע?!!..

ווען מען האט געפרעגט **הערשי** וואס דארף מען וואטשן ווען מען שניידט די נעגל? עס זאל נישט בלוטן!! האט ער געענטפערט...

# די מעמד האפשערן פון נכד כ"ק מרן רבינו שליט"א ונכד אב"ד ור"מ שליט"א #1



















## די מעמד האפשערן פון נכד כ"ק מרן רבינו שליט"א ונכד אב"ד ור"מ שליט"א #2











# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
נפתלי הערש ב"ר שמעון שפיטצער ני"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלח שליט"א
הרב מאיר יעקב גאלדבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלמה אלימלך ב"ר מנחם יודא שפילמאן ני"ו
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלח שליט"א
הרב מאיר יעקב גאלדבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ב"ר אייזיק ליפא שטויבער ני"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א
הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
בן ציון בן הרב מאיר סאקס ני"ו
לכבוד זיין פלומעניק'ס אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים בן הרב שאול יחזקאל ווערצבערגער ני"ו
לכבוד זיין ברודער'ס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישעי' ב"ר אליקום בוביגער ני"ו
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים ב"ר יצחק קאהן ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יושע מאיר ווייזער שליט"א
הרב יחזקאל שרגא טייטלבוים שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אשר לעמל בן הרב ישראל שלום פריעדמאן ני"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים בן הרב מרדכי ווייס ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מענדל ב"ר יצחק זאב ברוין ני"ו
לכבוד די געבורט פון א ניכטע
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
בערל ב"ר שלמה ברי"י יאקאבאוויטש ני"ו
לכבוד זיין ברודער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב חיים לייפער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אהרן מאיר ב"ר אברהם לעווינגער ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל טויב שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלמה ב"ר הערשל געטטער ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה בן הרב מרדכי ווייס ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יודא ב"ר אברהם זאנוויל שפיטצער ני"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יעקב ארי' ב"ר שלמה זלמן סעגעדין ני"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יודא בן הרה"ג רבי יואל הערש קאהן ני"ו
לכבוד די געבורט פון א פלומעניק
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישראל ב"ר נפתלי זאב כ"ץ ני"ו
לכבוד זיין מומע'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א
הרב יחיאל שטעסל שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
משה אלי' ב"ר מנחם ברא"י הירש ני"ו
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל טויב שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
טובי' גדלי' ב"ר וואלף מאיר ווייס ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל טויב שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף שמואל ב"ר יצחק קאהן ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל טויב שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשל הכהן ב"ר יוסף הכהן לאנדא ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף משה ב"ר וואלף מארקאוויטש ני"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב ברוך הורוויץ שליט"א
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ישראל חיים ב"ר יואל שלום שאבבער ני"ו
לכבוד זיין ברודער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב זלמן לייב פריעדמאן שליט"א


## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג







שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **"מזל טוב" פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,
מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **"שיינע מזל טוב פעקלעך"** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – 718-407-7460 Ext 1**